# אשי ישראל



# אידיש

א

סיפור התקרבותו

- דער אייבערשטער האט געוואלט אז איך זאל צוקומען צום רבי'ן, האט ער געמאכט אזעלכע סיבות וואס איך זאל געוואר ווערן פון דעם ספר (השתפכות הנפש), אין דעם ספר פלעג איך האבן התבודדות, און איך האב געזעהן פלאות וואס מען קען גארנישט אויסרעדן מיטן מויל, וואס מען קען גאר נישט דערציילן - איך האב געזעהן פלאות!
איך פלעג מיר ארויס'גנב'ענען אין פעלד ארויס מיט די בלעטלעך, איך האב מיך געוואלט ראטעווען, איך האב געטוהן וואס דארטן שטייט, האב איך געזעהן עפעס אזעלכע - שידוד הטבע! שידוד הטבע!
איך פלעג לערנען ספרים - ספרי חסידות, ספרי מוסר, כדי איך זאל מיך ראטעווען. אבער וואס איך האב געזעהן דא האב איך נאכנישט געזעהן אין מיין לעבן! האט מיר דער אויבערשטער געוויזן - - דער אייבערשטער האט געוואלט - - דער רצון הבורא איז געווען אז איך זאל צוקומען צום רבי'ן - אז איך מוז האבן דעם רבי'ן, איז געווארן פון די אלע וואס איז געווען א נגד דעם רבי'ן - איז געווארן אש און פארעך!
- איך האב געזעהן רבי ישראל'ן (קארדונער זצ"ל) - האב איך געזעהן אז דאס איז גאר עפעס אנדערש, גאר עפעס אנדערש, דאס איז עולם הזה - און דאס איז עולם הבא, פונקט צוויי הפכים!
*
ווייטער - אזוי איז געווען כסדר - - ווארן דער הייליגער רבי האט געזאגט; "**צו מיר איז שווער מקורב צו ווערן**"! מען דארף זיך אויסרייניגן פון די כבוד און פון די הבלי עולם הזה! אריינגיין מיט א בויך - מיט גאות - צו מיט עסן און טרינקען - צו מיט געלט?! - - דער מענטש איז מסובב תמיד מיט מניעות - דאס איז אלץ מניעות! מניעות צום אמת'ן תכלית!
נו, האב איך געזעהן אז דער אייבערשטער האט אויף מיר רחמנות - - עס איז א וואונדער וויאזוי איך בין ארויס - - איך האב שוין אפגעמאכט

ביי מיר אז איך וועל נישט זיין קיין ברסלב'ער חסיד! איך וועל לערנען די ספרים - אבער נישט זיין קיין ברסלב'ער!...

אבער דער אייבערשטער האט אויף מיר רחמנות געהאט, איך האב זוכה געווען צו זעהן וואס דא טוהט זיך - איך האב נאר געהערט פון רבי ישראל'ן א דאווענען, א תפילה, צו א דיבור, און זיין הנהגה, און זיינע מצוות - - איך האב געזעהן אז די וועלט שלאפט! אז דא איז דאס ארט! אז דא איז דאס ארט פון צו זעהן - פון צו זיך מתקרב זיין צו השי"ת באמת - איז נאר דא!

און אוודאי - דעמאלטס האב איך דאך נישט געוואוסט וואס איך ווייס היינט. וואס מער צייט עס גייט אוועק - זעה איך וואס עס טוהט זיך - ווי אזוי דער וועלט זעהט אויס, און ווי אזוי די רבי - - יא. און דער עיקר - וואס איך האב געקענט רבי ישראל'ן!

*

איך האב געקענט נאך פון די זקנים, איך האב געקענט רבי שלמה וועקסלער. ער איז געווען אזא חידוש - - רבי חיים זונענפעלד (גאב"ד העדה החרדית) האט פאר איהם דרך ארץ געהאט! רבי שלמה איז געווען די נשמה זיינע, ער האט אין איהם נוהג כבוד געווען! רבי שלמה רבי שלמה!

*

איז דאס איז אינגאנצן עולה פלא! עולה פלאות! פלאי פלאות! - וויאזוי בין איך ארויס פון מצרים?! וויאזוי בין איך ארויס - וויאזוי בין איך צוגעקומען צום רבי'ן?!

איך האב געטוהן אזעלכע זאכן וואס איז געווען ממש - אזא מין אכזריות. איך האב געהאט א טאטן וואס איז געווען א סגי נהור, אן ארימאן, ער איז געווען א פארביטערטע מענטש. א סגי נהור דאס איז - דער אייבערשטער זאל אפהיטן - - א מענטש איז קראנק - אדער ער שטארבט אדער ער לעבט, און דאס איז געלעבט און געמוטשעט - א מענטש לעבט און ער זעהט נישט?! ...